


# ארבעט זוכעניש פאָדערונגען פארן באקומען ארבעטלאזיקייט אינשורענס בענעפיטס

## זוכט ארבעט יעדע וואך צו קלעים'ען ארבעטלאזיקייט אינשורענס בענעפיטס

איר מוזט ערפולן כאטש דריי ארבעט זוכעניש אקטיוויטעטן יעדע וואך, סיידן איר האט א ארבעט זוכעניש פלאן באשטעטיגט דורך די דעפארטמענט פון לעיבאר.* יעדע פון די דריי אקטיוויטעטן מוזן ווערן געטאן אין באזונדערע טעג פון די וואך.

דריי פארלאנגטע ארבעט זוכעניש אקטיוויטעטן מוזן ענטהאלטן כאטש איין אקטיוויטעט פון די פאלגנדע ארבעט זוכעניש אקטיוויטעטן:

1. ניצן ארבעט ריסאורסעס וואס זענען אוועילעבל ביים ארטיגן קאריערע צענטער, אזוי ווי:
   - באגעגעניש מיט די קאריערע צענטער ראטגעבער
   - באקומען אינפארמאציע פון די קאריערע צענטער שטאב וועגן דזשאבס וואס זענען מעגליך אוועילעבל אין א ספעציפישע אינדוסטריע אדער געגנט (באקומען דזשאב מארק אינפארמאציע)
   - ארבעטן מיט די קאריערע צענטער שטאב אפצושאצן אייער פעאיגקייטן און זיי צופאסן צו מעגליכע באשעפטיגונגען און דזשאבס (סקילס אפשאצונגען פאר פאסיגע באשעפטיגונג)
   - אנטייל נעמען אין לערנען ווארקשאפס
   - באקומען דזשאב רעפערלס און פאסיגע דזשאבס פון די קאריערע צענטער און נאכפאלגן ארבעטסגעבער
2. באזוכן אן ארבעטס פלאץ און אויספולן א דזשאב אפליקאציע פערזענליך מיט ארבעטסגעבער וואס מען קען לאגיש ערווארטן צו האבן עפענונגען.
3. אריינלייגן א ארבעט אפליקאציע און/אדער רעזומע אלס ענטפער צו אן עפנטליכע מעלדונג אדער געזוכטע רעקלאמע אדער צו ארבעטסגעבער וואס מען קען לאגיש ערווארטן צו האבן עפענונגען.
4. אנטייל נעמען אין ארבעט זוכעניש סעמינארן, פלאנירטע קאריערע נעטווארקינג זיצונגען, דזשאב פעירס אדער ווארקשאפס וואס שטעלן צו לימודים אין פארבעסערונג פעאיגקייטן כדי צו באקומען ארבעט.
5. אינטערוויוס מיט מעגליכע ארבעטסגעבער.

איר מוזט טאן צוויי אנדערע אקטיוויטעטן יעדן וואך. די צוויי קענען זיין סיי וועלכע קאמבינאציע פון די אקטיוויטעטן אין דעם פריערדיגן ליסטע אדער פון די ליסטע אונטן:

1. זיך איינגעבן פאר ארבעט מיט פריערדיגע ארבעטסגעבער(ס).
2. זיך רעגיסטרירן און נאכפרעגן ביי פריוואטע באשעפטיגונג אגענטורן, פלעיסמאנט סערוויסעס, יוניאנס און פלעיסמאנט אפיסיס פון שולעס, קאלעדזשעס אדער אוניווערזיטעטן און/אדער פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס.
3. ניצן די טעלעפאן, ביזנעס דירעקטאריס, אינטערנעט אדער אנליין ארבעט-צופאסונג סיסטעמס צו זוכן דזשאבס, באקומען מעגליכע געלעגנהייטן, בעטן רעפערלס אדער מאכן אפוינטמענטס פאר דזשאב אינטערוויוס.
4. זיך איינגעבן און/אדער רעגיסטרירן פאר און נעמען ציווילע סערוויס עקזאמענישען(ס) פאר רעגירונג דזשאב עפענונגען.

דאס זענען די מינימום באדיגונגען. איר ווערט געמוטיגט צו טאן מער.

*אויב איר האט אן ארבעט זוכעניש פלאן באשטעטיגט דורכן דעפארטמענט אוו לעיבאר, מוזט איר טאן דאס וואס איז צוגעשטימט געווארן אינעם פלאן און פארשרייבט די אקטיוויטעטן אויפן ארבעט זוכעניש רעקארד. מיר וועלן איבערקוקן אייער ארבעט זוכעניש רעקארד צו מאכן זיכער איר טוט דאס וואס איז געפאדערט פון אייך אין אייער ארבעט זוכעניש פלאן.

## האלט א רעקארד פון אייערע ארבעט זוכעניש באמיאונגען

איר מוזט אויך אויספולן אן אויספירליכע, שריפטליכע ארבעטס זוכעניש רעקארד אנליין אדער אויף פאפיר פאר יעדע וואך וואס איר קלעים'ט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטס. איר מוזט אויך צושטעלן א קאפיע צום דעפארטמענט או לעיבאר אויפן פארלאנג. די רעקארד מוז אריינגעמען דאטומס, נעמען, אדרעסן (פאסט, אימעיל אדער וועב אדרעס) און טעלעפאן נומערן פון ארבעטסגעבער מיט וועלכע מען האט זיך פארבינדן; נעמען און/אדער ארבעט טיטלען פון ספעציפישע מענטשן מיט וועלכע מען האט זיך פארבינדן; קאנטאקט מיטלען וואס מען האט געניצט; שטעלע אדער דזשאב טיטל פאר וועלכע מען האט זיך איינגעגעבן אדער א שילדערונג פון אנדערע ארבעט באמיאונגען (אנטייל נעמען אין ארבעט פעירס אדער ווארקשאפס, א.ד.ג.). וויכטיג: אייער אינפארמאציע וועט ווערן נאכגעפארשט. אויב איר געבט אונז בכוונה פאלשע דערקלערונגען וועגן אייערע ארבעט זוכעניש אקטיוויטעטן, איז עס באטראכט אלס שווינדל און אייערע בענעפיטס קענען ווערן אפגעזאגט.

מיר רעקאמענדירן אז איר זאלט האלטן אייער ארבעט זוכעניש רעקארד אויף אונזער JobZone (**jobzone.ny.gov**) וועבזייטל. עס שטעלט צו איין ארט וואו איר קענט אויף א זיכערן אופן אפדעיט'ן און האלטן אלע אייער ארבעטס זוכעניש רעקארדס אין א פארזיכערטע עלעקטראנישע פייל: פארזיכערט פון פייער, גניבה אדער פארלירן בטעות. צוצוקומען צו אייער JobZone אקאונט, דריקט אויף די JobZone ארבעט זוכעניש רעקארד לינק וואס ווערט צוגעשטעלט ווען איר קלעימ'ט וועכנטליכע בענעפיטס אנליין. אויב איר האט פראגעס וועגן גרינדן אייער אקאונט, ביטע פארבינדט זיך מיטן דעפארטמענט אוו לעיבאר קאנטאקט צענטער אויף **800-833-3000**.

אויב נוצט איר נישט JobZone, רעקאמענדירן מיר איר זאלט נוצן אונזער פאפירענע ארבעט זוכעניש רעקארד פארם. איר קענט באקומען א קאפיע ביי אייער לאקאלע קאריערע צענטער, אויף אונזער וועבזייטל אויף **labor.ny.gov** אדער אין אייער קלעימענט האנטבוך. איר קענט אויך האלטן אן ענליכע געשריבענע רעקארד אויב עס אנטהאלט די פארלאנגט אינפארמאציע.

סיי אויב איר האלט אייער ארבעט זוכעניש רעקארד אנליין אדער אויפן פאפיר, זאלט איר ענטהאלטן שטיצנדע דאקומענטן. איר מוזט האלטן אייערע רעקארדס פאר איין יאר.

## דעפארטמענט אוו לעיבאר קאריערע צענטערס

אונזער קאריערע צענטערס שטעלן צו פיל סערוויסעס פאר אייך אומזיסט. מיר קענען אייך העלפן מיט:

- דזשאב רעפערלס
- טרעינירונג געלעגנהייטן
- רעזומעי שרייבן און אינטערוויו סקילס
- הילפסמיטלען אזוי ווי קאמפיוטערס, אינטערנעט צוטריט, דרוק מאשינען און טעלעפאנס

צו טרעפן אייער נאנטסטע קאריערע צענטער, גייט צו **jobzone.ny.gov** אדער **labor.ny.gov**.

## אנליין ריסאורסעס

אונזער וועבזייטל (**labor.ny.gov**) קענען אייך העלפן האלטן קאפ און אנפירן אייער ארבעט זוכעניש. Jobs Express (**labor.ny.gov/jobs/regional.shtm**) רעכנט אויס אוועילעבל דזשאבס אין יעדן געגנט פונעם סטעיט און ווערט אפדעיט'עט צענדליגע מאל יעדע וואך. אונזער JobZone וועבזייטל אויף **jobzone.ny.gov** ערלויבט אייך איבערצוקוקן פארשידענע קאריערעס, באקומען אינפארמאציע וועגן טרעינירונג און אויסנוצן אונזערע אנליין געצייגן, וועלכע וועלן אייך העלפן אנפירן יעדן געביט פון אייער ארבעט זוכעניש, פון שרייבן א רעזומע ביז האלטן אייער ארבעט זוכעניש רעקארד.

JobZone ענטהאלט אויך אונזער SMART (סקילס מעטשינג און רעפערל טעכנאלאגיע) פראגראם, וועלכע פאסט צו אייערע סקילס און ערפארונג מיט די לעצטע דזשאב עפענונגען פון אוזער דזשאב באנק. די צופאסונגען ווערן געשיקט דורכן אימעיל דירעקט צו אייך.

## זייט דזשאב-גרייט

געדענקט: כדי צו באקומען ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטס, מוזט איר זיין גרייט, ווילינג און פעאיג צו ארבעטן און אקטיוו זוכן ארבעט. ווען איר פייל'ט, זאגט אונז אויב איר האט פראבלעמען וועלכע באגרעניצן אייער מעגליכקייט צו ארבעטן, אזעלכע אזוי ווי אויב איר:

- גייט אין שולע
- גייט ארויס פון שטאט איבערנאכט
- קענט נישט באקומען קיין טשיילד-קעיר
- האט נישט קיין טראנספארטאציע
- קענט נישט ארבעטן צוליב קראנקהייט

פאר מער אינפארמאציע, ביטע קוקט איבער אונזער קלעימענט האנטבוך אויף **labor.ny.gov/uihandbook**.